# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Bagrisungen Fun Institutsyes Un Yekhidim 2/ Greetings From Institutions and Individuals 2

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/2r32p4s7

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

### Publication Date
1978

### Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

# באַגריסונגען לכבוד אַברהם גאָלאָמבֿ:

אַפּטייקער, אסתר
בלאַנק, דינה און יאַנקל — ניו־יאָרק
בראָדי, פּיליפּ
גובקין, ישראל
גילינסקי, ליובאַ
גאָרענשטיין, פרומע און דוד
גלעזער, חייקע און משה
גילדער, שמחה
דאַטשעם, בלענטש און מאַקס
טילים, ראָוז און יוסף
כהן, משה
לערך, אסתר און פּריץ
מאַנדלבוים, עטל און משה
סאָפּיאַן, חייקע און שמחה
סאַרטאַ, גאָסי
פּאָול, לינאַ
פינקלשטיין, סיידי
פרידמאַן, פריידל און יעקב
צוקערמאַן, קעטערין און מאַרווין
קאַזאַק, סאָפי און הערשל
קוליק, עטל און חיים
קיפּנים, אָשר (ע"ה)
ראַטבלום, זהבה און יצחק
ראָזען, סיימאָן
שרגא, דוד

---

## פון דאָ און דאָרט

ביים שליסן דעם נומער „חשבון" האָבן מיר באַקומען פון ווייטע מקומות גרוסן באַריכטן, וואָס האָבן שוין ניט געקאָנט אַריין אין דער איצטיקער אויסגאַבע.

פון בוענאָס איירעס, אַרגענטינע, לאָזט מען אונדז וויסן, אַז דער באַקאַנטער שרייבער און געוועזענער תלמיד גאָלאָמבס פון ווילנער לערער־סעמינאַר, גרשון סאַפּאָזשניקאָוו, צוזאַמען מיט שלמה סוסקאָוויט, רעדאַקטאָר פון פילאָסאָפישן זשורנאַל „דווקא", האָבן ביי אַ פּול־געפּאַקטן זאַל דורכגעפירט אַ גייסטרייכן אָוונט לכבוד אברהם גאָלאָמבס 90טן געבוירן־יאָר.

* * * * *

„דאָס נייע יידישע וואָרט", אַ וועכנטלעכע צייטונג אין וויניפּעג, רעדאַקטירט פון בערנאַרד ווינד,ווידמעט דעם נומער פון 7טן יולי צו אַברהם גאָלאָמבס 90טן געבוירן־יאָר. אברהם גאָלאָמב איז אַ צאָל יאָרן געווען דער דירעקטאָר פון דער דאָרטיקער שול און האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויפן ישוב.

אַ יישר־כּוח דער פאַרוואַלטונג פון „דאָס נייע יידישע וואָרט".

## אַ בריוועלע פון פּראָפעסאָר סאָל ליפּצין, ירושלים

חשובע רעדאַקציע פון „חשבון":

צוליב עטלעכע טעותן פון אַ פאַרפּלאָנטערטער קאָמוניקאַציע האָב איך פאַרשפּעטיקט אנטייל צו נעמען צוזאַמען מיט אייך אַלע אין דעם פאַרדינטן כבוד וואָס איר האָט צוגעטיילט גאָלאָמבן. במשך יאָרן האָב איך פיל מאָל געשריבן וועגן גאָלאָמבן, אַנאַליזירט זיינע אידעען, געלאָזט הערן פון מיין באַוווּנדערונג און אַרויסגערופן דעם אינטערעס פון מיינע צוהערערס און לייענערס פאַר זיינע גרויסע דערגרייכונגען.

גאָלאָמב האָט סטימולירט מיין טראַכטן אפילו ווען איך האָב מיט אים ניט איינגעשטימט. איך האָף נאָך ווייטער צו שרייבן וועגן גאָלאָמבן אין די קומענדע יאָרן.

מיט די בעסטע ווּנטשן צו דער ליטעראַרישער משפּחה פון „חשבון",

אייער,

**סאָל ליפּצין**